
נאפּט

איר ווילט מיטאָמע וויסן, ווו
סע ליגט די גרויסע שטאָט
באקו?
אין קאווקאז איז פאראן
אזא מין לאנד
אזערביידזשאן.

דאָרט באם יאם
צי מיזרעכ־צו
ליגט די גרויכע שטאָט באקו.
איז דאָרטנאָט
אין דער א שטאָט
אף יעדער טראָט,

אף יעדער שפאן
פאראנען
טורעמס
הויכע, גרויסע —
דאָרט באקימט מען
נאפט ארויסעט.



טיפ אינ דער ערד
אפ הונדערטער מעטער
ליגט דער נאפט
א שווארצער,
א פעטער.
דרייט זיכ אנ עקבייער
גיכ־אינדערגיכ,

בויערט אונ לעכערט
א שיכט נאָכ א שיכט.
געבויערט, געדרייט
אזוי לאנג,
אזוי ברייט.
ביז פונ טורעמ צומ נאפט
ווערט אנ עפענונג גרייט.

טרעפט זיכ אמאָל,
אז דער גאז
ווערט אינ כּעס,
אז דער גאז ווערט צערייצט,
טרייבט ער דעמ נאפט
מיט א ריזיקער קראפט, —
אונ סע שפריצט, אונ סע פלייצט.

פאראנען אנ אייצע,
דער נאפט זאָל ניט פלייצנ,
סע זאָל ניט אנטלויפנ קיינ טראָפּנ:
מיט רערנ מיט לאנגע
די עפענונג פאנגענ,
פארצוימענ, פארשרויפנ, פארשטאָפּנ.

שטעלט מענ א פּאָמפּע אנידער
אונ ווידער
א רער,
נאפט וועט זיכ איצטער שוינ גיכנ
אונ פליסנ
אהער.



מאָטאָר טוט א הודע,
די פּאָמפּע — א רודער.
סע שווינדלט די ראָד,
דער נאפט איז געשמידט.

און ער קאָכט, און ער זידט,
און ער קויפט אינ זאוואָד.
פונעמ נאפט וועט מענ מאכנ
א מענגע מיט זאכנ —

ניט איבערצוציילנ:
בענזינ, קעראָסינ,
פאראפינ, וואזעלינ
און פארשיידענע איילנ.



רוישן מאָטאָרן,
דרייען זיך פּאַסן,
פּאָמפּען די פּאָמפּעס
פּאַמעלעך, געלאַסן.
לאַנגע
שטאַנגען
דערלאַנגען
דעם נאַפט,
פּיקן די טיפ
און זויגן די זאַפט.

א פּיק און א שעפּ,
א שלעפּ און א טראָג —
טאָג אַזויווי נאַכט
און נאַכט אַזויווי טאָג.
א פּיק
און צוריק,
א פּיק
און צוריק

נאַכט אַזויווי טאָג
און טאָג אַזויווי נאַכט —
מאָטאָרן אין פּאַסן
און פּאָמפּעס — אין שלאַכט.



ארבעטנ ארבעטער
איבערגעגעבנ
מיט לײַב אונ מיט לעבנ. —
יאטנ מיט ביינער!
אפ צענ פּאָמפּעס — איינער!
אונ איינער אפ צוועלפ,
אונ צווייענ אפ דרײַסיק,
גייט דאָרט די ארבעט
שלאָגלעריש. פלײַסיק,

קיינ מינוט
ניט גערוט:
דאָ — א קוק,
דאָרט — א רוק,
דאָ — פארדרייט
דאָרט — פארלייט.

א שרויפ ארויס,
א שרויפ ארײַנ.
יעדער זאכ
זאָל פינקטלעכ זײַנ.

אוּן דער רויטער אינזשענער
לויפֿט אַהין און לויפֿט אַהער.
אַלץ באַקוקט און אַלץ באַטראַכט.
יעדן טאָג אַרום פֿאַרנאַכט
שרײַבט ער אויף דער גרויסער ברעט
סכאַקן פֿונעם כאַצגעויעט.

פאבריקנ, זאוואָדנ
פאָדערנ נאפט.
מאשינעס, גיגאנטנ
פאָדערנ קראפט,
זיי שרייענ און מאָנענ:

— גיט אונדז טאָנענ
מיליאָנענ
גיט אהער.
וואָס מער, וואָס מער, —
מיר דארפנ קראפט.

גיט אונדז נאפט
און בענזינ,
קעראָסינ.
פאראפינ!



לאנגע רעגנ
פארגראָבנ אינ דר׳ערד.
רינט דאָרט דער נאפט —
ניט מע זעט, ניט מע הערט.
גיסט זיכ אינ פליסט
אינ ער בילקעט זיכ דאָרט

אפ אכצהינדערט ווערסט
קיינ באטומ
אינעמ פאָרט.
קומענ אָנ שיפנ
אינ פאָרט
קיינ באטומ,

גיסט זיכ דער נאפט
פונ די רערנ אינ טריומ.
שווימענ געלאָדנע
שיפנ אוועק,
פירנ דעמ נאפט
ווו די וועלט האָט אנ עק.



קוימענס צעשטערנטע
מיט ברייטע רייענס
די מילער צעעבנס —
און — אונטער די ריקנס
צאפט זיך און צאפט זיך
א טאג נאך א טאג
א צוג ניט אויפצו,
און א ביינער



צוגנ צעפירנ ציסטערנעס,
צעפירנ,
סע זאָל זײַנ צומ ברענענ,
סע זאָל זײַנ צומ שמירנ, —
אינ דאָרפ אונ אינ שטאָט,
אינ פאבריק, אינ זאַוואָד.

אינ קאָלווירט, אינ סאָוווירטנ,
עמטעעס אינ גיגאַנט —
אינ אַלע עקנ פונעמ לאַנד.
אינ גאַנצנ לאַנד,
אינ אַלע עקנ —
אז פאַר אַלעמענ זאָל קלעקנ:

יונגע צײַטונגענ פול
מיט בילדער פונ העלדנ,
צײַטונגענ שרײַבנ,
צײַטונגענ מעלדנ:
דעמ 5-יאָריקנ פלאַנ פונ נאַפט
אויסגעפילט אינ 2½ יאָר!

ס׳דארפ וויסנ דאָס לאנד
וועגנ שלאָגלערס די בעסטע.
ס׳דארפ קענענ דאָס לאנד
זײַנע העלדנ די גרעסטע!

אַנ אווטאָבוס אָנ בענזינ —
ניט אהער אונ ניט אהינ.
מעגסט דעמ רודער דרייענ, דרייענ,
דער אווטאָבוס וועט ניט גייענ.
גיס אימ אָנעט אינ מאָטאָר,
טו א דריי — אונ פאָר.

אנ אעראָפלאנ אָנ בענזינ
האָט קיינ קויעכ ניט צו פליענ,
דער פראָפעלער וויל ניט דרייענ,
דער מאָטאָר וויל ניט קלאפנ.
גיב אימ נאָר א גוטנ טרונק, —
וועסטו אימ ניט כאפנ!

נו, אונ קעראָסינ
ווו טוט מענ אהינ?
מע גיסט אריַינ אינ לאָמפּ.
דעמ לאָמפּ א דריי אריס,
צינדט מענ אָנ א פיַיערל,
ליכטיק ווערט אינ הויז.

מע גיסט אריַינ אינ פרימוס,
מע שטעלט ארופ א טאָפּ,
צומ עסנ אונ צומ טרינקענ
קאָכט ער טייקעפ אָפּ.



דער טראקטער האָט קיינ קעראָסינ ניט,
גיט ער זיכ פונ אָרט קיינ ריר ניט.
נעמ איכ
קעראָסינ אנ עמער,
גיס אימ אָנ אינ בויכ,
פאָרט דער טראקטער,
שלעפט ער, קנאקט ער,
אז סע גייט א רויכ!

און װער קאָן דערצײלן,
װאָס טוט מען מיט די אײלן?
פון א פושקע פון א געבענער
גיסט מען אין די לעכלעכ.
שמירט מען די מאשין,
אז זי זאָל זיך ניט צעגליען.

נו, און מיט מאזוט,
װײסט איר װאָס מע טוט?

מע צינדט אים, מע ברענט אים
אין אונדזערע שיפן,
ער טרײבט זײ און יאָגט זײ
אין יאם אינעם טיפן.

ער יאָגט זײ און טרײבט זײ
אין װײטע מערינעס.
ברענגענ די שיפן אינגאנ
גיטע מאשינעס.

פאראנטװארטל. רעדאקטאר א. פױארבערג
טעכנישער רעדאקטער ב. ליוטקיס. טיראַזש 3000 עקז. פאפ. 82×110, 2 דרוק. בויגנ.

גלאװליט נומ. 587 (...), געדרוקט אין
פאליגראפישער שול אופס, קיעװ, באַש
טעלונג נומ. 3447 1934 יאָר.


НАФТА

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13257

NAFT

B. Gutianskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS